שולן, אַריין אין דער „מזרח"=פּראַקציע, וואוינט אין בית=הכּרם — אַ שכונה אין ירושלים—וואו ער באַזיצט צוויי אייגענע הייזער, און אַרבעט אין דעם צייטונגס=ביוראָ ביים קרן=היסוד.—אַן אויסוואַל פון זיינע אַרטיקלען וועגן די קולטור=פּראָגן פון א"י, עסייען און זכרונות, צ"אַ וועגן נגעסינען, ברענערן, פּרצן, איז אַרויס אין בוכפאָרם א"ט „על הגבולין" (ווין, תּרפ"ג, ז' 340). — ר' האָט זיך אויך באַטייליקט פון צייט צו צייט אין דער יידישער פּרעסע, ווי אין אַ סטאַניסלער צייטשריפט א"ר פון אַרנשטיין און לעבנסאַרט (אָרום 1906), דער טשערנאָוויצער „יודישער וואָכענשריפט" א"ר פון לייבל טויביש א"פּ משהלע דער בלינדער, אין לעמבערגער „טאָגבלאַט" (פאַר דער מלחמה — בריוו פון א"י), נ"יי'ער „דאָס אידישע פאָלק" (אַ סעריע מאמרים „דאָס פּינטעלע ארץ=ישראל"), נאָך דער מלחמה קאָרעספּאָנדירט אין נ"י'ער „יידישען טאַגעבלאַט". אין יידישער איבערזעצונג זיינען אויך אַרויס זיין פּראָפּאַגאַנדע=בראָשור „די תימנים" (1912) און „אוצר דארץ" / אַ אויסוואַל פון שפּריכווערטער, אגדות און מימרות וועגן ארץ=ישראל און וועגן גאולה / אַרויסגענומען פון תּנ"ך, תּלמוד, מדרשים און זוהר, ספרי הקירה, דרוש און מוסר, קבלה און חסידות./ אידיש פון ז. ר. (ז. רובאַשאָוו? — פ"ג „כּנסת", ירושלים, תּרפ"ו, ז' קיב).

ערנסט מיללער, אין Jüd. Rundschau, ; יהודה וואַרשאַוויאַק, אין „הצפירה", 1927, 168; מנשה אונגער, „ר' בנימין, 25 יאָהר פון זיין ליטעראַרישען שאַפען", אין „יידישען טאַגעבלאַט" פון 9/XII 1927.

## ראָדקינסאָן מאַקס (... 186 — )

איז אין משך פון יאָרן געווען פאַרבונדן מיטן יידישן טעאַטער אַלס שוישפּילער און פאַרפאַסער פון פּיעסן א"פּ רודאָלף מאַרקס, געווען איינער פון די פּיאָניערן פון יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן, וואו זינט 1886 געשפּילט אין „פּרינסעס=קלוב" צוזאַמען מיט יעקב אַדלער, ישראל גראָדנער, פרוי ליפּצין א"אַ. שפּעטער אַריבערגעקומען קיין נ"י, וואו אַ געוויסע צייט אויפגעטרעטן אַלס קאָמיקער אין „ווינדזאָר=טעאַטער". פון זיינע איבערגעזעצטע, אַדאַפּטירטע אָדער אָדער אָריגינעלע טעאַטערשטיק פאַרצייכנט ב. גאָרין די פאָלגנדיקע: „פּעטער משה"; „די בליענדע יתומה" — פאָלקסשטיק אין 5 א' (1889), דער אַמעריקאַנער לאָיער" (1889); „די צוויי שוועסטער אָדער ענגעל און טייוול", „חיים אין אַמעריקע", „די פּרימאַדאָנע", „דער יתום אין געפאַר", „דער בויערי=טרעמפּ אָדער דער הויפּטטרעמפּער", „די שניידערין" (1890); „פּערעלע אָדער פאַרלוירן אין ניו=יאָרק" (1896), „געלט אָדער טרעמפּ" (1896). שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט די בינע, שטודירט יוריספּרודענץ און איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט אין נ"י.

ב. גאָרין, „געשיכטע פון אידישען טעאַטער", II, ז' 49, 61, 151, 269; בערטאַ קאַליש, „מיין לעבען", „טאָג" 26/IX 1925.

## ראָדקינסאָן מיכאל=לוי (1845 — 1904 / i)

געב' אין דובראָוונע, מאָהליעווער גוב', אין אַ חסידישער פאַמיליע, אַ ברודער פון ישראל=דוב פרומקין. אַן אייניקל פון סטאַראָסעליער רבין און געקנאָטן פון דעם גרעסטן חסידישן יחוס, האָט ער פרי חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ רייכן ישובניק, זיך גענומען צו מסחר, אָבער באַלד געפּטרט זיין נדן, אַריין אין חובות און געוואָרן



אַ מחבר, אויפטרעטנדיק צוערשט אין
דער ראָלע פון אַ רעכטפאַרטיקן חסיד
אַלס אַרויסגעבער פון אַ זאַמלונג אַפּאָ=
קריפישע לעגענדעס וועגן חסידישע רביים
(„ספורי צדיקים", 1873) און אַ זאַמלונג
ביאָגראַפיעס פון די גרינדער פון חסידות
(„תולדות בעלי שם טוב", 1873, אין 2 ט'‎;
קיניגסבערגער אויסגאַבע 1876—„תולדות
בעלי שם טוב / והיא קורות מיסדי כת
החסידים וקורות ספריהם ויפיץ אור על
תולדות אנשי שם המאורות הגדולים וכו'",
און אַלס 2טער ט' — „תולדות עמודי
החב"ד / יפיץ אור נוגה על כל דרכיהם
שיטתם ומחלקותם וכו'"). מיט די דאָ=
זיקע ספרים איז ער אומגעפאָרן איבער
שטעט און שטעטלעך און זיך דערפון
מפרנס געווען. דערנאָך האָט ער זיך
אַוועקגעלאָזט זוכן גליק קיין פּט"ב, אַראָפּ=
געוואָרפן פון זיך די חסידישע מלבושים
און געוואָרן אַ מעקלער אויף דער בערזע,
געמאַכט אַ היבשן קאַפּיטאַל, געוואָרן אַ
מלווה, צוליב ניט גאָר ראַיעלע וועקסל=
געשעפטן שיר ניט אַרעסטירט געוואָרן,
געמוזט עוקר זיין פון פּט"ב, זיך
משנה שם געווען פון פרומקין אויף
ר' און 1876 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן
אין קיניגסבערג אַ העברעיש וואָכנבלאַט
„הקול", באַשטימט פאַר די לעזער אין
רוסלאַנד. ניט באַזיצנדיק די מינדסטע
פעיִקייטן אַלס זשורנאַליסט, ניט באַ=
הערשנדיק אַפילו ווי געהעריק די העב=
רעיִשע שפּראַך, האָט ער אָבער אַדאַנק
זיין ענערגיע און זיין געשעפטלעכן חוש
אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט
דערוואָרבן פאַר זיין צייטונג אַ היבשן
קאָנטינגענט לעזער, בפרט אַז דאַן האָט
אויסגעבראָכן די רוסיש=טערקישע מלחמה
און דער „המליץ" איז צו יענער צייט
ניט אַרויסגעגאַנגען. „דער „הקול" האָט
געקענט עקסיסטירן נאָר דאַן, ווען אין



דער רעדאַקציע איז געזעסן אַ כמעט ניט=
באַצאָלטער אונטעררעדאַקטאָר, בשעת
דער שעף=רעדאַקטאָר איז אַרויסגעפאָרן
אין רוסלאַנד „קלייבן אַבאָנענטן" (ווינ=
טשעווסקי), איז ר' אַריין אין פאַר=
בינדונג מיט די יידישע סאָציאַליסטן,
וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין קיניגס=
בערג, מ. ווינטשעווסקי און וו. ראַבי=
נאָוויטש (או"ר) און ער האָט זיי צוגע=
צויגן אַלס מיטאַרבעטער, און אַדאַנק
זיי האַבן זיך אַרום דער צייטשריפט
אָנגעהויבן צו גרופּירן די בעסטע העב=
רעיִשע שריפטשטעלער פון ראַדיקאַלן
לאַגער, ווי מ"ל ליליענבלום, יהל"ל, ד"ר
יצחק קאַמינער א"אַ. אַליין אַ מענטש
אָן אַ מאָראַלישן יסוד, אָן שום פּרינציפּן,
האָט ר' ניט געשטערט זיינע מיטאַרבע=
טער אויסצוניצן זיין אָרגאַן פאַר דער
פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָציאַליסטישע
אידעען, און נאָך דעם אונטערגאַנג פון
ליבערמאַנס „אמת" האָט ער איבערגע=
געבן ווינטשעווסקין די רעדאַקציע פון
דעם צו יענער צייט פון אים געגרינ=
דעטן העברעיִשן זשורנאַל „אספת חכמים",
וועלכער האָט ממשיך געווען די סאָציאַ=
ליסטישע פּראָפּאַגאַנדע אויף העברעיִש,
ביז די רוסישע צענזור האָט דעם זשור=
נאַל פאַרווערט אַריינצופירן קיין רוסלאַנד
און ער האָט זיך אויפן 8טן נומ' אָפּגע=
שטעלט.— גלייכצייטיק מיט דעם „הקול"
האָט ר' אויך אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט
אין יידיש א"ט „קול לעם", פון וועלכן
דער פּראָבע=נומער איז אַרויס 6/VI 1876
מיט אַן „אַנשפּרוך פון דער רעדאַקציאָן",
געשריבן אין אַ משונהדיקן דייטשמעריש,
וואָס האָט געזאָלט אויסדריקן די פּראָ=
גראַם פון דער צייטונג — איינצושפּאַנען
„לטובת די אונשולדיגע קינדער"—די צוויי
שוועסטער, רעליגיע און בילדונג. דער
„קול לעם / פּאָליטיש ליטעראַרישעס

וואָכענבלאַט פיר איזראַעליטען" (1טער
נומ' 12/VIII 1876) איז אַרויס אין משך פון 3
יאָר מיט געוויסע הפסקות און איז
געווען דער איינציקער יידישער אָרגאַן
דאַן פאַר די יידן אין רוסלאַנד, צוערשט
אויסגעפילט פון ר'ס משונהדיקע שריי=
בעכצן און דאַן אויך פון אַרטיקלען,
קאָרעספּאָנדענצן און בעלעטריסטיק פון
א"מ דיק, מ. ווינטשעווסקי ג. ראַוויטש,
מרדכי=ראובן סיני (אויך א"פ עמימר
מנהרדעי, מרס, ר' אהרן מיאַדלער א"אַ),
אליקום צונזער (אויך א"פ יקמואל, קונע
רויזל מאַץ, זימאַן לוקרעציאַ א"אַ), מיכל
גאָרדאָן א"אַ. פובליציסטיש און ליטעראַ=
ריש איז דער „קול לעם" געווען אַ ניש=
טיק בלעטל, גאָר קיין פאַרגלייך ניט
מיט זיינע פאָרגייער — דעם „קול מבשר"
און ליגעצקיס „ישראליק", קעגן וועלכע
ר' איז אַרויסגעטרעטן אין זיין „אַנשפּרוך
דער רעדאַקציאָן", דערפאַר האָט דאָס
בלאַט קיין ערפאָלג ניט געהאַט. ר' האָט
געפּרוווט צוציען אַלס רעדאַקטאָר מענ=
דעלען אָבער דערפון איז גאָרנישט גע=
וואָרן. נאָכדעם ווי דער „הקול" מיטן „קול
לעם" זיינען פאַרווערט געוואָרן אַריינ=
געפירט צו ווערן קיין רוסלאַנד, האָט
ר' געפּרוווט אָפּראַטעווען זיינע צייטונגען
דורך ענדערן זייערע נעמען אויף „הכרם"
און „הצפה" אָנשטאָט „הקול" און אויף „קע=
ניגסבערגער איזראַעליט" אָנשטאָט „קול
לעם" (דער ערשטער נומ' 12/IX 1879).
שפּעטער האָט ער דורך אַ גרויסער מודעה
(אין „הקול" שנה חמישית נומ' 29) געמאָלדן
די ערשיינונג פון „ה ש ו ש נ ה Die Rose
(Früher Kol Loom) / יידישעס וואָכענ=
בלאַטט פיר יודעשע אָנגעלעגענהייטען
שפּעציעל פיר גאַליציען רומעניען אונגאַרן,
אויך פּאָליטיק וויסענשאַפטליכעס, רייזע
בעשרייבונגען, בעלעטריסטיק אונד ער=
צעהלונגען. / פון מ. ל. ראָדקינסזאָהן/

פינפטער יאָהרגאַנג". אין דעם „אויפרוף",
געחתמעט „דיא רעדאַקטיאָן", ווערט צ"אַ
געזאָגט: „געעהרטע לעזער אונד לעזערי=
נען! אונזערע רונד=רייזע אין גאַליציען,
רומעניען אונגאַרן עטצ. אין וועלכע וויר
האָבען קענען גילערנט אונזערע ברי=
דער אין אַללע לענדער מיט זייערע
טהעטיגקייטען, טוגענד אונד פעהלערן,
האָט אונז איבערצייגט דאָס עס איז
זעהר נאָטווענדיג דאָס פאָלק זאָלל האָ=
בען איין בלאַטט אין דער ריינער פאָלקס=
שפּראַכע, וועלכע זאָלל זיך נור פאַרנע=
מען מיט די יידישע אָנגעלעגענהייטען
אין דיזע לענדער אונד אויף מאַכען
דיא אויגען פאָן דעם פאָלק אויף זיינע
אינטעררעסען איהם געבען איינע לעהרע
וויא ער זאָלל איין אָרדענטליכער ביר=
גער זיין אין זיין לאַנד און צו גלייך
אויך אָרדענטליכער יודע זיין צווישען
זיין פאָלק, איינע לעהרע פאָן קינדער=
ערציהונג וואָס דאָס איזט יעטצט גראַדע
דיא הויפּט פראַגע וועלכע מאן צו בע=
אַרבייטען דאַרף אונד צו גלייך אויף
צוא מונטערן דאָס פאָלק מיט איינע
בלאַטט פאָן וועלכער ער זאָלל קענען
פאַרגעניגען האָבען אין זיין רוהע צייט
אונד זאָלל זיך עראינערן דאָס ער איזט
געבאָרען איין יודע אונד איזט טרייא
זיינע גלויבען אונד זיינעם פאָלק ניכט
וועניגער אַלס אַללע פעלקער..." דער
אויפרוף זאָגט צו, אַז דאָס בלאַט „ווירד
זיין זעהר אינטערעסאַנט אין אַללער גע=
לעגענהייטען", אַז „דיא ראָזע"... ווערט
ווירקליך זיין דיא „שושנת יעקב" וועלכע
ווערט פעראייניגען אונזערע ברידער צו
איין צוועק" אאַז"וו און ווערט „בליהען
וויא איינע „ראָזע" צו גונסטען אונזערע
גלויבענסגענאָססען" און זי ווערט אַרויס
„אין דער ריינען פאָלקס שפּראַכע (ד"ה
אָהנע רוסישע אונד רומענישע אויס=

דריקע)”, צוערשט וועכנטלעך און דאַן האַלבוועכנטלעך (אָנגעהויבן פון סעפּטעמבער) מיט אליעזר רוקח אַלס פאַרשפרייטער פון דעם בלאַט אין רומעניע און גאַליציע, אָבער ווייזט אויס, אַז פון דער גאַנצער אונטערנעמונג האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. דאַן האָט ער געפּרווט אַרויסגעבן אין בערלין אַ וואָכנבלאַט אין העברעיש א״ט „המדבר” (1881) און דערנאָך „החוזה” מיט אַ יידישער ביילאַגע „דער אַנצייגער” (1881 — 82). נאָך די פּאָגראָמען, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די רוסישע יידן אַ שטאַרקע עמיגראַציע קיין אַמעריקע, האָט ער געפּרווט באַנייען זיין יידיש וואָכנבלאַט אין האַמבורג אַלס אָרגאַן פון די שיפסגעזעלשאַפטן און האָט אָנגעפירט אין דער צייטונג אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר דער אויסוואַנדערונג קיין אַמעריקע, שטרעבנדיק דערביי אויסצושפּילן לטובת זיין קעשענע די קאָנקורענץ צווישן די פאַרשיידענע שיפסגעזעלשאַפטן, אָבער זיינע קאָמבינאַציעס זיינען ניט געלונגען און דאָס בלאַט איז ענדגילטיק אונטערגעגאַנגען. דאַן איז ר׳ אַוועק קיין נ״י, וואו ער האָט 1889 געגרינדעט אַן אָרגאַן א״ט „תכונת רוח הישראלי”. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אַרויסגעבן דעם תלמוד אויף ענגליש. — לויט בנציון האָפמאַן דערציילט, זאָל ר׳ האָבן געפירט אַ „אוממאָראַליש, שענדלעך לעבן”, „פלעגט זיך שטענדיק אַרומשלעפּן אין די קיניגסבערגער לוסטיקע אויסגעלאַסענע הייזלעך און קומענדיק שטעטס אין דער נאַכט אַהיים אין אַ שיכורן צושטאַנד, פלעגט ער כל חמתו אויסגיסן אויף זיין אומגליקלעכע פרוי, וועלכע איז גראַדע דער היפוך פון אים געווען, אַ אינטעליגענטע יידישע פרוי פון אַ פיינער ווילנער

משפחה” אאַז״וו. גינסטיקער איז ווינטשעווסקיס כאַראַקטעריסטיק פון ר׳, אָבער אויך ווינטשעווסקי שרייבט וועגן אים בזה הלשון: „ער איז אין אמתן ניט קיין חסיד, בשעת ער באַשרייבט די שבחים פונעם בעש״ט; ער איז שפּעטער ניט קיין סאָציאַליסט אַלס רעדאַקטאָר און האָט קיין שום ענטוזיאַזם ניט פאַרן תלמוד, ווען ער ווערט זיין איבערזעצער... אָבער חוץ וואָס ר׳ איז אויף קיין פאַל ניט געווען היפּאָקריט אין דעם געווינלעכן זין פון דעם וואָרט, — חוץ דעם איז מיט זיין גאַנצער קאַריערע פאַרבונדן אַן אַנדער מערקווירדיקע ערשיינונג: ר׳ האָט זיך נעמלעך גענומען צום בעל-שם-טוב, צום סאָציאַליזם און צום תלמוד, ניט האָבנדיק די נייטיקע קענטענישן אין דעם חסידיזם; ניט פאַרשטייענדיק (אין אָנהייב), מיט וואָס מע עסט ניט נאָר סאָציאַליזם, נאָר אַפילו צייטונגסשרייבעריי; ניט האָבנדיק גענוג שפּראַכקענטעניש אין ענגליש אום אויפצושרייבן אַ בריוו און דאַן צו איבערזעצן — טאַקע איבערזעצן, ניט נאָר אַזאַ זאַך בלויז אונטערנעמען — דעם תלמוד אויף ענגליש...” ר׳ס „הקול” כאַראַקטעריזירט ווינטשעווסקי אַזוי: „די צייטונג האָט אין זיך געהאַט אַלץ, וואָס איז מיר געווען דערווידער אין אַלע אַנדערע צייטונגען: זי איז געווען אַ געדרוקטער צבועק אין פיר זייטן, ניט אַזוי גוט געשריבן ווי דער „המליץ”, ניט אַזוי איראָפּעיש ווי דער „המגיד”, היפּאָקריטישער ווי דער „לבנון”... — ר׳ האָט נאָך פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע ספרים: „מצת מצוה” — וועגן עלילת-דם (1883), „תפילה למשה” — וועגן תפילין (1883), „אבני מילואים” — וועגן דער רעליגיעזער רעפאָרם (1884), „לבקר משפט” — פּאָלעמישע אַרטיקלען (1884), „אגרת פתוחה” — אַן אָפענער

בריוו צו רבנים (1885), „ברקאי" — אַ זאַמלונג ווּיסנשאַפטלעכע אַרטיקלען (1886).

JE, X; EЭ, XIII; מ. ווינטשעווסקי, „ערינערונגען" I — II (אויך אין „צוקונפט", 1906, XII); צינבערג, История евр. печати, ז' 221 — 232; ש. ל. ציטראָן, „די געשיכטע פון דער יידישער פרעסע", I; נ. ד. האָפמאַן, „ספר הזכרונות", ז' 47 — 50.

**ראובני א.** (י"א אב 1887 — ) אַדאָפּטירטער נאָמען פון **א ה ר ן ש י מ ש ע ל ע ו י ט ש**, יינגערער ברודער פון יצחק בן-צבי (זע). געב' אין פּאָלטאַווע פון ליטווישע עלטערן*).



דער פּאָטער, צבי, איז געווען אַ אָנגעשטעלטער ביי אַ גרויסער מעלפאַבריק און איז דאָס רוב אַרומגעפאָרן וועגן די געשעפטן פון דער פירמע, קומענדיק אַהיים נאָר אויף יום-טוב. ביז 17 יאָר האָט ר' געלעבט אין פּאָלטאַווע, פון קינדווייז אויף אַרויסגעוויזן אַ אָפּנייגונג צו יעדן סיסטעמאַטישן לערנען, אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס, געלייענט ביכלעך — צוערשט מאַין-רידס, גוסטאַוו עמאַרס אאַז"וו, דערנאָך — טורגעניעווס, טאָלסטאָיס א"אַ און נאָך שפּעטער—היסטאָרישע און פילאָסאָפישע ווערק, ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך. האָט מען אים געפּרוווט אָפּגעבן פאַר אַ בעל-מלאכה, צו אַ שלאָסער, אָבער אויך צו דעם האָט ער ניט געטויגט און באין ברירה האָט מען אים געלאָזט פאָרן קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך אָפּגעוואַלגערט צוויי יאָר, צייטנווייז געאַרבעט, צייטנווייז געהונגערט, זומער 1906 צוריקגעקומען אַהיים. אין עטלעכע וואָכן נאָך זיין קומען, בשעת ביי זיי אין הויז האָט מען געפונען אַ קליינעם אוצר פאַרטיידיקונגסמיטלען פון דעם יידישן זעלבסטשוץ, האָט מען אים און דעם פאָטער אַרעסטירט (בן-צבי איז אַנטלאָפן), אָפּגעהאַלטן זיי אין טורמע 20 חדשים און פאַרמשפּט אויף אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר, אין דאָרף מאָרגאַ, אויפן ברעג פון דער אונטערשטער טונגוסקאַ, אירקוטסקער גוב', וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ יאָר צייט, פאַרפאַסט דאָרט אַ ווערטערבוך פון דער טונגוסישער שפּראַך, מיט אַ טונגוסישער גראַמאַטיק, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען בשעת זיין אַנטלויפן, דעצעמבער 1909. נאָך פאַרשיידענע גילגולים—איבער דייראַן און שאַנכאַי אָנגעקומען אָנהייב זומער 1910 קיין א"י און וואוינט זינט דאַן אין ירושלים, בלויז איינמאָל באַזוכט אייראָפּע — נאָכן ערשטן פּאָגראָם אין ירושלים, ווען ער איז צוזאַמען מיט דעם חכם-באַשי יעקב-מאיר און דוד יעלין אויסגעוויילט געוואָרן פון דעם וועד-העיר צו פאָרן קיין לאָנדאָן פאָדערן אַ משפּט אויף די שולדיקע, בפרט דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע מיט דעם פּאָגראָם-גענעראַל באָלס בראש. — נאָך יינגלווייז אין פּאָלטאַווע האָט ר' געשריבן אויף רוסיש ראָמאַנען פון גזלנים און ים-רויבער, עטלעכע שירים און אַ קריטישן טראַק-

*) די פאַמיליע ש' איז אָנהייב XIX י"ה געזעסן אין ליובטש, דער זיידע פון פאָטערס צד, ראובן-ישראל, האָט געוואוינט אין סמאָרגאָן, דער זיידע פון דער מוטערס צד, ישראל-לייב קאָפּעלעוויטש, אין אייישישאָק; זיין פאָטערס מוטער שטאַמט פון ר' משהלע איווייער, וואָס זיין יחוס-בריוו ציט זיך ביז רש"י, געווען אַ למדן-וואָוניק, אַ מתבודד, געלעבט אין אַ וואַלד, געטראָגן אַ פויערישן פעלץ אויס מורא פאַר שעטנז, ביז ער איז אויפן באַפעל פון ווילנער גאון נתגלה געוואָרן און געוואָרן רב אין וואַסילישעק, ווילנער גוב'.